„Radomer-Kielcer Leben" 19 (309) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-טער יאָהרגאַנג פּרייז 25 גראָשן

הײַנט 8 זײַטן.

Radom, Piątek 16 Maja 1930 r.

ראַדאָם, פרייטאג י"ח אייר תר"ץ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אַנאָנסען - פּרייז:
אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
" אין טעקסט 4

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

הײַנטיגען זונטאַג 20 טאָג אין אייר, דעם 18 מאַי ה. י.
אין דעם טאָג פון אונזער גרויסען אומגליק, פאַלט-אויס די ערשטע שמערצליכע יאָהר-צייט
פון אונזער ליבען און אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער

## נתן זיגמאַן זצ"ל

אין זעלבען טאָג 11 פריה ווערט אויס'ן בית-עולם אָבגעריכט ווערען אַ'הזכרה און אַרויסגעשטעלט ווערען אַ מצבה.
וועגען וואָס מיר מעלדען אונזערע קרובים, פריינד און בעקאַנטע.
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

**פרוי, קינדער און פאַמיליע.**

---

## בעקאַנטמאַכונג.

די דירעקציע פון גימנאַזיום
**„פשיאַטשול וויעדזי"** (מיט רעגירונגס-רעכט.)
מאַכט בעקאַנט די פעראינטערעסירטע, אַז די עקזאַמענס פאַר די נייע אריינטרעטענדע שילער און שילערינס וועלן פאַרקומען די 2-טע העלפט טשערוויעץ 1390.
איינשרייבונגען מיט בייגעלעגטע געבורט'ס-מעטריקעס, ביז-יעצטיגע שול-צייגנישען און אימפונג'ס בעשיינונגען נעמט-אָן די קאַנצעלאַריע פון גימנאַזיום קילינסקי 13 אין די אַמט-שעה'ען.

דירעקטאָר פון גימנאַזיום
„פשיאַטשול וויעדזי" אין ראַדאָם
(—) **אינזש. רוסאַק.**

---

זונטאַג כ' אייר (ל"ה, בעומר) דעם 18 מאַי $10\frac{1}{2}$ פריה
ווערט געמאַכט אַ'הזכרה צוליב דער ערשטער שמערצליכער יאָהרצייט
און ס'ענטהילונג פון דער מצבה אויפ'ן קבר פון אונזער אונפערגעסליכער

פרוי און מוטער

נ. ע.

## ביילה גיטיל קויפמאַן

וועגען וואָס ס'זענען מודיע אַלע פריינד און בעקאַנטע
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

**מאַן, טאָכטער און זיהן.**

---

דער בעוויסטער **קעפיר,**
וואָס צייכענט זיך אויס מיט זיין גוטסקייט און אונפערגלייכליכער ווירקזאַמקייט פון דער פּאָפּולערער מאַרקע
Klaudja Singalina
איז שטענדיג צו בעקומען אין ראַדאָם אויף וויטאָלדאַ 2
——— מ. 3, פּאַרטער, טעלעפ. 278. ———

---

Wszystkim tym którzy oddali ostatnią posługę członkowi i kolodze naszemu
b. p. **Maurycemu Kamjonerowi**
a wszczególności W.W. P.P. D-rom F. Finkielstejnowi
Kadysiewiczowi, Lewi'emu, Goldblumowi
za bezinteresowną okazaną pomoc, jak również p. Gerstejnowi
i Gminie Żydowskiej w Radomiu
Serdeczne Bóg Zapłać!
*Cech Fryzjerów Żydów* —w— Radomiu

---

דער יעהרליכער סימפאָנישער
## מוזיק-קאָנצערט

שבת דעם 17-ען מאַי 1930 8 אָוונט
קומט פאָר אין טעאַטער „ראָזמאַריטשעק"

אין דער אויפפיהרונג פון די שילער און שילערינס פון דער מוזיק-שולע אין ראַדאָם אונטער דער לייטונג פון **פ. גיסער.**
אין פּראָגראַם געהען אריין די בעסטע שאַפונגען פון: בעטהאָווען, היידן, בעריא, גלוק, דאַנקל, גאַלטערמאַן א. אנד.
ס'נעמען אַנטייל דער פערגרעסערטער סימפאָנישער ארקעסטער, קוואַרטעט, סאָלאָ, פידעל, פאַרטעפּיאַן און וויאָלאָנטשעל.

# בּעריכט פון דער פּסח-אקציע בּיי דער יודישער קהלה אין ראדאם.

## פונאנדערגעטיילטע שטיצעס אויף מתן-בסתר אין יאָהר 1930

| לויט דעם אלפאבעט | אנערקענטע שטיצעס: צאָהל | אנערקענטע שטיצעס: אויף אַ סומע | געשיקט פער-פאָסט: שטיק | געשיקט פער-פאָסט: אויף אַ סומע | איבערגעגעבּן דורך פערזאָנען: שטיק | איבערגעגעבּן דורך פערזאָנען: אויף אַ סומע | צוריקגעקומען חזרות: שטיק | צוריקגעקומען חזרות: אויף אַ סומע | ענטגילטיג האָבּן גענאָסן: פערזאָנען | ענטגילטיג האָבּן גענאָסן: אויף אַ סומע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| A. | 12 | 245.— | 10 | 215.— | 3 | 50.— | 3 | 65 | 10 | 200.— |
| B. | 28 | 555.— | 22 | 410.— | 6 | 145.— | 3 | 80 | 25 | 475.— |
| C. | 14 | 325.— | 10 | 200.— | 5 | 125.— | 1 | 20 | 13 | 305.— |
| D. | 7 | 135.— | 6 | 95.— | 2 | 40.— | 1 | 20 | 6 | 115.— |
| E. | 4 | 80.— | 3 | 60.— | 1 | 20.— | — | — | 4 | 80.— |
| F. | 29 | 500.— | 25 | 420.— | 5 | 90.— | 5 | 75 | 25 | 435.— |
| G. | 27 | 460.— | 20 | 340.— | 7 | 120.— | 2 | 45 | 25 | 415.— |
| H. | 15 | 270.— | 13 | 230.— | 2 | 40.— | 2 | 30 | 13 | 240.— |
| I. J. | 5 | 100.— | 3 | 60.— | 2 | 40.— | — | — | 5 | 100.— |
| R. | 28 | 520.— | 24 | 450.— | 5 | 90.— | 4 | 80 | 25 | 460.— |
| L.-Ł. | 15 | 255.— | 14 | 230.— | 2 | 25.— | 2 | 30 | 13 | 225.— |
| M. | 22 | 405.— | 15 | 230.— | 8 | 175.— | — | — | 22 | 405.— |
| N.O.P. | 13 | 245.— | 10 | 170.— | 3 | 75.— | — | — | 13 | 245.— |
| R. | 32 | 605.— | 22 | 440.— | 10 | 165.— | 3 | 60.— | 29 | 545.— |
| S-Sz. | 35 | 615.— | 27 | 470.— | 10 | 135.— | 5 | 110.— | 31 | 515.— |
| T.U. | 9 | 160.— | 8 | 130.— | 2 | 30.— | 3 | 50.— | 6 | 110.— |
| W. | 17 | 270.— | 12 | 180.— | 5 | 90.— | 1 | 20.— | 16 | 250.— |
| Z. | 19 | 310.— | 13 | 215.— | 6 | 95 — | 2 | 25.— | 17 | 285.— |
| | 331 | 6 055.— | 257 | 4 545.— | 84 | 1.570.— | 37 | 710.— | 298 | 5.405.— |

**די שטיצעס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען**
**לויט פאָלגענדער הויך:**

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 2 | פערזאָהן | צו | 5 | זל. | — | 10 זל. |
| 84 | „ | „ | 10 „ | | — | 840 „ |
| 41 | „ | „ | 15 „ | | — | 615 „ |
| 131 | „ | „ | 20 „ | | — | 2620 „ |
| 28 | „ | „ | 30 „ | | — | 840 „ |
| 12 | „ | „ | 40 „ | | — | 480 „ |
| 298 „ | | | | | | 5.405 זל. |

**פון די ראדאָמער לאַנדסלייט אין אַמעריקאַ דערהאַלטען:**
500 דאָלאַר ד״ה 4,435 זל. דעם אונטערשיד פון 970 זל., וואָס די קהלה האָט מעהר פונאַנדערגעטיילט, האָט געדעקט די פערוואַלטונג פון דער גמינע פון פאָנד אויף שטיצעס פאַר אָרימע יודען אויף פּסח.

די דורכשניטליכע אונטערשטיצונג האָט בּעטראָפען איבּער 18 זל.

מעות חטים איז געגעבּען געוואָרען דער געזעלשאַפט „ע ז ר ה״ — 3000 זל.

יום-טוב-קיך פאַר 50 זעלנער און 24 אַרעסטאַנטען, איינגעאָר. ענט אין האַנדוו.-קלוב, האָט בּעטראָפען קרוב 3.500 זל.

# צייטווייליגע קהלה-פערוואַלטונג אין ראַדאָם.

האָב קיין כח און קיין מאָכט נישט גע-האט זיך איהם אַקעגענצושטעלען. האָב איך געשוויגען און געלאָזט איהר רע-דען. אָבּער געפיהלט האָב איך בּיי זיך, אַז ווען ס׳געשעהט ווירקליך אַזוי און מיין טאָכטער אַנטלויפט בּיט דעם אָפי-ציר, וואָלט איך נישט געשוויגען, איך וואָלט זיי נאָכגעלאָפען, געשטעלט זיך אין וועג און איך וואָלט אָבּער זיך אָדער זיי דערשאָסען.

איז אָבּער געשעהן אַ נס פון הימעל און ס׳איז צו דעם אַלעם נישט געקו-מען. אומגעריכט האָט מען דערהערט אַ שטאַרקען אַליאַרם איבּער׳ן שטאָדט, סיגנאַלען, טראָמפּייטען האָבּען שטורמיש גערופען דאָס גאַנצע מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אין באַלטאַווע, ס׳זאָל זיך פערזאַמלען אויף איין אָרט. די דאָזיגע סיגנאַלען האָבּען בּעדייט, אַז דער שונא איז נאָהענט און מען מוז ווייטער ציהען. זענען טאַקע אַלע אָפי-צירען בּיי מיר אין שטוב געוואָרען דערשראָקען און אַלע זענען זיי, אויך דער צעווילדעוועטער יונגער אָפיציר, אַרויס אַנטלאָפען פון מיין הויז און טאַקע נאָך דעם זעלבּען טאָג אָבּמאַר-שירט פון פאַלטאַווע טיעפער אין אוק-ראַינע.

אַזוי נאָך על פּי נס בּין איך געבּלי-בּען לעבּען און מיין פרוי און טאָכטער זענען געבּליבּען נעבּען מיר. אונזער לאַגע איז אָבּער געוואָרען אויך אונרו-היג און מעהר נישט זיכערער און מיר האָבּען געמוזט נאָכטוהן דאָס מיליטער און אָבּטרעטען פון פאַלטאַווע. כ׳האָב מורא געהאַט דאָ מעהר צו פערבּלייבּען.

(פאָרטזעצונג קומט).

## קאנצערט פון גיסער'ס מוזיק-שולע.

די אין ראדאם פאפולערע מוזיק-שולע פון פ. גיסער, ארדענט-איין היינטיגען שבת-צו-נאכט איהר יעהרלי-כען סימפאנישען קאנצערט.

די מוזיק-שולע פון פ. גיסער עק-זיסטירט שוין א רייהע יאהרען און אין פערלויף פון דער צייט בעוויזען זיך קונה עם צו זיין א דאנק איהרע ערפאלגרייכע פערדיענסטען אויפ'ן גע-ביעט פון מוזיקאלישע אויסבילדונג פאר דער ראדאמער יוגענד. דורך דער צייט האט די שולע ארויסגעגעבען תלמידים, וועלכע פערנעמען אנגעזעהע-נע ערטער אין די העכסטע מוזיק-אקא-דעמיעס און קאנסערוואטאריום'ס.

דער היינטיגער קאנצערט האט דעם צוועק צו ווייזען דער עפענטליכקייט וואס די שילער האבען אויסגעלערענט און וואסערע קענטניסען זיי האבען אין אט דער שולע ערווארבען. דער קאנ-צערט פערדיענט בלי ספק אויף א צאהלרייכען בעזוך פון דער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם.

## ערשטע יאהרצייט נאכ'ן פערשטארבענעם פרעזעס נתן זיגמאן ז"ל.

היינטיגען שבת פאלט-אויס די ערש-טע יאהר-צייט נאכ'ן פערשטארבענעם פרעזעס פון סוחרים-פעראיין נתן זיג-מאן. שוין א יאהר אבגעלאפען זייט דער שרעקליכער קאטאסטראפע, אבער ס'איז געגוג נאך פריש ביי יעדען אין זכרון, די גרויסע אבידה.

צו דער יאהר-צייט, ס'הייסט היינ-טיגען זונטאג ווערט ארויפגעשטעלט א מצבה אויפ'ן קבר. פון דעם ביז איצט נאך געפהרטען פרעזעס און ס'איז דער חוב, אז דאס ראדאמער יודישע סוח-רים'טום זאל קומען אויפ'ן אוהל אום אנוועזענד צו זיין בעת דער מצבה-ענטהילונג. אויפ'ן וועג אין זיין שליחות פון די סוחרישע אינטערעסען איז פרעזעס זיגמאן געפאלען, און אומגעקומען ווי א געטרייער שומר אויף זיין פאסטען.

כבוד זיין אנדענקען.

## וויכטיג נייעס

**פאר אבוה"ז. און שוסטער-בראנזשע!**

אנשטאט אין האנד נעם איך אן צו נייען קעדרעס מיט זייד, אויף א ספעציעלע מאשין — שנעל, שעהן, ביליג. — קומט איבערצייגט אייך!

ביי: מ. רינגערמאכער

לובלינער 3, ערשטער שטאק פאבריק פון סאנדאלין.


**אכטונג! ראדאמער לעטניקעס! אכטונג!**

איך מאך בעקאנט, דאס מיין לאנגיעהריגער **פענסיאנאט** אין גארבאטקע

**איז אפען**

און געפינט זיך אין גרויסען וואלד אין דער ווילע נימער 19 און איז איינגעארדענט מיט די בעסטע בעקוועמליכקייטען.

זוניגע צימערען, געשמאקע קיך און זארגפעלטיגע בעהאנדלונג פאר די געסט.

מיט אכטונג **א. זענמאן.**


## פאהן-רינג פון „מנורה" אין ראדאם.

יחיאל קירשענבוים—נאוואגראדזקי 22 ענטפערט דעם ה' י. ביאלסקי מיט 3 זל. און רופט ארויס: שמולעק גורפינקעל—פוקסאלנא, מאניעק ווייגענשפערג — סלאוואצקיעגא, גאדעק קופפערבערג, קאפיל פעלדמאן.

פ"ר רעגינא מעלכיאהר ענטפערט דעם ה' יצחק ביאלסקי מיט 3 זל. און רופט ארויס: פ"ר מאניא מילא—לובלינער 25, פ"ר רעגינא גאלד-שטיין—סט קראקאווסקי 5, ה' הער-שעל מאנדעלבוים—סט. קראקאווסקי 5
פ"ר ראכעלא שערמאן — וואלאווא 15
פ"ר פעלא גאלדפארב — וואלאווא 15

ישראל גאלדבערג — לובלינער 26 צאהלט איין 5 זל. און רופט ארויס:
יחיאל דאנציגער — לובלינער 29
ישראל בערגמאן — „ 29
פ"ר ליובא ראזענבוים — „ 26
פ"ר פעלי קליין — „ 26

שלמה ראטמאן צאהלט איין 5 זל. און רופט ארויס: אביש העלפאנד - וואלאווא
פייוועל צוקער — לובלינער 11,
הימעלפארב הענעך — לובלינער 26
פישל לענגא — רוויינסקי 21
מרדכי גערטנער — רוויינסקי 4
בלייוואס (מסדה) — רוויינסקי 16


**א ווילע אויף ארענדע**

א ווילע פון 22 שטובען מיט א עס-צימער און קיך

**איבערצוגעבען אויף דזיערזאוויע**

די ווילע געפינט זיך אין א גוט-קלימאטישער געגענד. אלע צימערען זענען שעהן און זוניגע און געפינען זיך אין וואלד.

די ווילע איז אין דאמבראוו נעבען שידלאווצע.

גענויע אינפארמאציעס ביי ד"ר צונג, ראדאם, לובלינער 33.



Biuro Prośb i Podań

p. f. **„PROLITEX"**

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

**ZAŁATWIA:**

Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.

**Redaguje Podania:**

Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacja należności w całej Polsce.

**Informacje o zdolności kredytowej**

Przepisywanie na maszynach.

Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.


# קעלצער אבטיילונג.

## צי הערשט א איינהייטליכקייט אין קלוב פון די יודישע ראטמענער פון שטאדט-ראט.

דינסטאג האט דער שטאדט-ראט אנ-געהויבען בעטראכטען דעם בודזשעט פרעלימינאר אויפ'ן יאהר 1930.

באלד ביים אנהויב האט ראטמאן ד"ר פעלץ ערקלערט, אז צוליב דעם, וואס דער בודזשעט בעטרעפט העכער 3 מיליאן זלאטעס און לויט אלע וואהר-שיינליכקייטען וועט זיין ביז 2 מיליאן זלאטעס (!) דעפיציט, איז ער דערי-בער פאר אפשיקען דעם בודזשעט אהן דיסקוסיעס צוריק צום מאגיסטראט.

די ענדעקישע ראטמענער זענען פאר אפשיקען עס באלד אין דער קאמיסיע אריין כדי עס צו בעטראכטען.

ראטמאן לעווי כרעק דאן ארויס אין א לענגערע רעדע מיט א ערקלע-רונג, אז דער יודישער ראטמענער-קלוב איז פולשטענדיג מסכים מיט דער טעטיגקייט פון מאגיסטראט און קריטי-דאריזירט זיך מיט זיינע פארשלאגען.

פרעגען מיר: וואס זאל אלזא דאס הייסען ד"ר פעלץ — געגען, ראטמאן לעווי — פאר. צי איז שוין דער שלום געשטערט?

## געגרינדעט אין קעלץ א יודישען לעגיאן א. נ. „בערעק יאסעלעוויטש"

היינטיגע וואך איז אין לאקאל פון דער קהלה פארגעקומען די גרינדונג'ס פערזאמלונג פון א לעגיאן-אבטיילונג א. נ. פון בערעק יאסעלעוויטש.

ארגאניזירט די גרופע האבען די ה"ה: קאמפאניעגט, קאראליצקי און אב-טיילונג'ס - קאמענדאנט גרינשפאן פון ווארשא.

## אויפרוף פון הרב ראפאפארט וועגען שטיצען די „ליגע פאר לופט-פערטיידיגונג"

אין צוזאמענהאנג מיט דער פראק-לאמירטער פראפאגאנדע-וואך פאר דער „ליגע פאר לופט-פערטיידיגונג" האט דער קעלצער רב הרב ראפאפארט ארויסגעלאזט א אויפרוף צו די יודישע בעפעלקערונג צו שטיצען די זאמעל-אקציע לטובת די ליגע, ווי אויך צו דעקלארירען זיך אלס מיטגלידער פון דער דאזיגער וויכטיגער אינסטי-טוציע.

# OBWIESZCZENIE.

Magistrat miasta Radomia — na mocy art. 25 Rozporządzenia Prezydenta Rzeczypospolitej z dnia 16 lutego 1928 roku o prawie budowlanem i zabudowaniu osiedli (Dz. Ust R. P. Nr 23 poz. 202) — podaje do publicznej wiadomości, że przystępuje — na mocy art. 21 punktu a) tegoż Rozporządzenia — do sporządzenia planów zabudowania miasta w kolejności następujące:

1) tereny Marjackie,
2) fragment ul. Podjazdowej obok Wytwórni do przejazdu kolejowego,
3) ul. Koszarowa od ul. Jacka Malczewskiego do Kieleckiej,
4) grunta państwowe od Warszawskiej do Kozienieckiej,
5) rondo połączenia ul. Długiej, Narutowicza i Moniuszki,
6) wytworzenie ulicy pomiędzy ul. Moniuszki a Ogrodową, około kościoła Marjackiego,
7) część placu Jagielońskiego niebrukowanego.
8) przeprowadzenie ulicy od Podjazdowej do kolonji im. Limanowskiego do granicy gruntów miejskich,
9) wytworzenie ulicy na osi fabr. Monopolu Tytoniowego od Marywilskiej do Wałowej,
10) plac przed Starostwem z ulicą do ul. Długiej.

Szczegółowy plan zabudowania i plantacji terenów dawnego folwarku państwowego Marjackie, włączone do miasta Radomia, obejmuje 62 ha 9786 mtr².

Z projektem planu zabudowania zainteresowani mogą zaznajomić się w Wydziale Budownictwa Magistratu m. Radomia (ul. Basenowa 10) w okresie od 15 maja do 15 czerwca r. b. w godzinach od 10 do 13 codziennie z wyjątkiem niedziel i dni świątecznych.

W okresie od 15 czerwca (dzień następny po zakończeniu pierwszego okresu) do dnia 15 lipca r. b. interesowani mogą zgłaszać do Wydziału Budownictwa Magistratu m. Radomia wnioski, dotyczące wspomnianego wyżej fragmentu zabudowania.

Ogłoszenie o terminie wyłożenia projektów zabudowania następnych fragmentów i zgłoszenia wniosków przez zainteresowanych nastąpią oddzielnie.

Radom, dnia 28 kwietnia 1930 r.

**MAGISTRAT MIASTA RADOMIA.**



דער יידישער
האנדווערקער - פעראיין
אין קעלץ שרייבט אויס
## א קאנקורס
אויף א קוואליפיצירטען **סעקרעטאר**

פאר דער ביורא פון פעראיין.
אפערטען אנצוגעבען אין לאקאל פון פעראיין קאזיא 2.



## Kino „ŚWIT" Teatr

Dziś i dni następnych
Film dźwiękowy na aparatach
WESTERN ELECTRIC
p. t.

## Pieśn Żywiołów

w rolach głównych:
Lupe Velez, Gary Cooper
i Louis Volhelm.

Cudowna muzyka! Śliczna pieśni!



Wystrzegać się naśladownictw




o podobnym brzmieniu









# גענוסט פון דער זעלטענער געלעגענהייט!

# די ראדאמער שטאדטישע גאזאווניע

פיהרט אויס **גאז-אינסטאלאציעס** אויף די בעסטע בעדינגונגען,
ראטעס אויף א טערמין פון 12 מאנאטען.
ווען א גרעסערע צאהל לאקאטארען פיהרען דורך די גאז-אינסטאלאציעס אין זייערע וואהנונגען
דאן קאסט דאס מיט גאנצע 50% ביליגער

**ספעציעלע גאז-אפאראטען** צו קאכען, צו הייצען, צו פרעסען, אויף בעדער, אויף פערשידענע אנדולאציעס איז שטענדיג צו בעקומען אויף סקלאד אין די גאזאווניע.

**קאקס גראבען** פאר צענטראל-בעהייצונג און פאר קוזשניעס און **קאקס דראבנע (מיאל)** פאר ציעגעלניעס איז צו בעקומען אין יעדען קוואנטום אין דער גאזאווניע.

אויף דעם בעסטען מארט **פרעפארירטע סמאלע** צו שמירען דעכער צו די נידריגסטע פרייזען פערקויפט הורט און דעטייל די גאזאווניע.

**קארבאלינעאום** צו פרעפערירען האלץ אויף **בענזאל** צו פיהרען ברען-מאטארען פערקויפט יעדען קוואנטום די גאזאווניע.

ווער עס וויל זיך מאכען דאס לעבען בעקוועם, איינארדנען זיין ווירטשאפט אויפ'ן פראגרעסיווען און עסטעטישען פארמאט און איבערהויפט פאר נישט טייער געלד און אויף צוגענגליכע בעדינגונגען דארף נישט פערזאהמען נאר בעצייטענס ווענדען זיך אין די גאזאווניע פערזענליך אדער טעלעפאניש לויט דעם נומער טעל. 134 אדער בריפליך אויף דעם פאסט-קעסטעל נומער 28. ווי פאר א קליינע איינצאהלונג אלס אנגאבע ווערט זיין וואהנונג בענייט מיט די אלע איבערנדערמאנטע מכשירים, וואס בעשאפען איהם נאר צופרידענהייט און בעקוועמליכקייט.

**ZARZĄD GAZOWNI MIEJSKIEJ**
**w RADOMIU.**



פעלדשער ה. גרינשטיין, ראדאם, לובעלסקא 30. פרייזן מעסיקע.

Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben" Radom, Szwarlikowska 10.